ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## תזריע

(חלק כז שיחה ג)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת תזריע־מצורע, כה ניסן־א׳ אייר, ה׳תשפ״ו (א)

## Likkutei Sichot

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# תזריע ג

א. אין פסוק[1] „ואיש כי ימרט ראשו קרח הוא טהור הוא״ שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „קרח הוא טהור הוא״ און איז מפרש: טהור מטומאת נתקין שאינו נדון בסימני ראש וזקן שהם מקום שער, אלא בסימני נגעי עור בשר בשער לבן ומחי׳ ופשיון.

דער טעם אויף דעם וואָס רש״י לערנט ניט דעם פסוק כפשוטו [אַז „טהור הוא״ קומט שולל זיין די סברא אַז דורך „ימרט ראשו״ זאָל דער מענטש ווערן טמא], נאָר אַז „טהור מטומאת נתקין״, י״ל לכאורה[2], ובהקדים:

בנוגע צו טומאת נתקין געפינט מען אַ מחלוקת[3]: דער רמב״ן[4] לערנט אַז נתק מיינט „נתק משם השער״, ס׳איז אַרויס־גענומען געוואָרן פון ראשו או זקנו שער כגריס, איז דעמאָלט, אויב אין יענעם אָרט „נולד שם השער הזה הצהוב הדק הלקוי, הוא סימן טומאה״[5].

רש״י[6] טייטשט אָבער ניט אַזוי. פריער אויפן פסוק „נתק הוא״[7] זאָגט רש״י — „כך שמו של נגע שבמקום שער״ (און בשעת אין דעם נגע שבמקום שער ווערט אַ סימן פון שער צהוב אָדער פשיון, דעמאָלט ווערט ער טמא[8]), און ער זאָגט ניט דעם פירוש אַז דער נגע באַשטייט אין „נתק״ — אין דעם וואָס „נתק משם השער״.

ולפ״ז: בשלמא אויב מ׳לערנט אַז נתק איז ענינו וואָס „נתק משם השער״, קען מען לערנען בפשטות, אַז דער פסוק „ואיש כי ימרט ראשו קרח הוא טהור הוא״, וואָס קומט נאָך דער פרשה פון נגעי נתק, איז שולל די קס״ד אַז „ימרט ראשו״ זאָל שאַפן טומאה (ווייל דאָס איז אַ נגע בראש וזקן — נתק — עס ווערט אַרויסגענומען דער שער שבראש),

זאָגט דער פסוק אַז בשעת „ימרט ראשו״, (אָדער מלפניו אָדער מלאחריו), דעמאָלט איז דאָס ניט קיין נתק — אַ נגע בראש, נאָר „טהור הוא״, ער ווערט ניט טמא דורך ימרט ראשו[9].

[ולפ״ז קומט עס בהמשך אחד צו די פריערדיקע פסוקים[10]: „ואיש או אשה כי יהי׳ בעור בשרם בהרות . . וראה הכהן והנה בעור בשרם . . בוהק הוא פרח בעור טהור הוא״ — אַז די בהרות לבנות

1) תזריע יג, מ.

2) ראה ספר זכרון כאן בתחלתו. באר יצחק. ואולי כוונתן כבפנים.

3) בהבא לקמן ראה בארוכה רמב״ן עה״ת פרשתנו יג, כט.

4) עה״ת שם. וכ״ה בראב״ע וספורנו יג, ל. וכ״ה לדעת הרמב״ם הל׳ טומאת צרעת רפ״ח, הובא לקמן בפנים סעיף ו. פי׳ הראב״ד לתו״כ פרשתנו יג, כט (ריש פרשה ה). ועוד.

5) ל׳ הרמב״ן שם. ומחלוקת בפ״ע אם במקום החלק שנתק משם השער צריך שיהי׳ (גם) בהרת כו׳ — שינוי בעור הבשר, כהובא ברמב״ן שם. וראה השגות הראב״ד הל׳ טומאת צרעת שם ובפי׳ לתו״כ שם. תוי״ט רפ״י דנגעים. משנה אחרונה שם. ועוד.

6) הובא ברמב״ן שם.

7) יג, ל.

8) כהמשך הפרשה.

9) והטעם (הביאור) בזה — ראה לקמן סעיף ד מרמב״ן שם (ועוד).

10) יג, לח־לט.

שאַפן ניט קיין טומאה אויף דעם מענטש, נאָר טהור הוא, ער בלייבט טהור.

דערנאָך איז דער פסוק ממשיך, אַז פונקט ווי דאָס איז בנוגע די נגעים „בעור הבשר" וועגן וועלכע עס רעדט זיך בתחילת פרשת נגעים, אַז עס זיינען פאַראַן בהרות וואָס זיינען ניט מטמא, עד"ז איז עס בנוגע צו דעם אַנדער סוג נגעים — בראש — (או בזקן), אַז ס'איז דאָ אַ מציאות בדין, ווען נתקו שערות הראש און ער ווערט ניט טמא עי"ז — בשעת דאָס איז ניט אין אַ חלק (קטן) פון ראש, נאָר „ימרט ראשו", איז דאַן „טהור הוא"].

לויט פירוש רש"י אָבער, וואָס טייטשט ניט ביי נגעים שבראש וזקן אַז דער נגע באַשטייט אין נשירת השע־רות[11], ווייס מען ניט פון קיין דין אַז נשירת השערות זאָל זיין אַ נגע, ובמילא איז ניטאָ קיין קס"ד צו לערנען אַז דער ענין פון „ימרט ראשו" זאָל מטמא זיין, דאַרף דאָס דער פסוק ניט שולל זיין און זאָגן אַז „טהור הוא" (אַז ער ווערט ניט טמא עי"ז) — דמהיכא תיתא אַז ער זאָל יע זיין טמא

— דעריבער[12] לערנט רש"י, אַז מיט „טהור הוא" מיינט ניט די תורה לערנען אַז „ימרט ראשו" שאַפט ניט קיין טומאה, נאָר דער פסוק רעדט בנוגע צו אַ נגע במקום זה, אַז ער איז „טהור מטומאת נתקין — שאינו נדון בסימני ראש וזקן שהם מקום שער".

ב. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: רש"י איז מוסיף „אלא בסימני נגעי עור בשר כו'". לכאורה, אין פסוק שטייט דאָך בפירוש בלויז „טהור הוא"; פון וואַנעט נעמט רש"י דאָ אין פסוק אַז בסימני נגעי עור בשר ווערט ער יע טמא?

מפרשים[13] ברענגען אַלס מקור לפירוש רש"י דעם לימוד בתחלת תו"כ (אין ברייתא דר' ישמעאל[14]) „דבר הלמד מענינו כיצד ואיש כי ימרט ראשו קרח הוא טהור הוא יכול יהא טהור מכל טומאה כשהוא[15] אומר[16] וכי יהי' בקרחת או בגבחת נגע לבן אדמדם דבר הלמד מענינו[17] שאינו טהור מכל טומאה אלא מטומאת נתקים בלבד".

אָבער אין פירוש רש"י קען מען אַזוי ניט לערנען. וואָרום פון תו"כ גופא איז מובן אַז דער פירוש פון „טהור הוא" אין דעם פסוק מיינט „טהור הוא" לגמרי („טהור מכל טומאה"), כפשוטו; און די ראי' אַז „טהור" נאָר מטומאת נתקין איז

11) כי אף את"ל שגם לרש"י ישנה נשירות השערות בנתק (ודלא כהבנת הרמב"ן בפרש"י) — וראה פרש"י יג, לג — הרי מזה שלא כתבו בפירוש (ובפירוש תיבת „נתק" כתב רק „כך שמו של נגע שבמקום שער"), מובן שס"ל שלא זהו עיקר גדר הנגע.

12) ועפ"ז מובן למה רש"י לא הביא דרשת התו"כ עה"פ, ד„הי' בו נתק כגריס ונתק כל ראשו טהור ת"ל ואיש כי ימרט ראשו קרח הוא" (וראה משנה נגעים פ"י מ"ט וברע"ב שם. רמב"ם הל' טומאת צרעת פ"ח הי"ב) — כי לרש"י אין לומר ע"ז דנתק כל ראשו והוי פריחה בכולה. וראה פיה"מ נגעים שם. תוי"ט שם. ועוד. ובארוכה במפרשי התו"כ שם. ולהעיר מפרש"י לקמן יג, נה „ומפני המדרש כו'". ואכ"מ.

13) רא"ם, ס' זכרון. ועוד.

14) פסקא ה.

15) כן הובא ברא"ם כאן. ולפנינו בתו"כ: ת"ל וכי יהי' כו'.

16) יג, מב.

17) ראה מדות אהרן לתו"כ (בספר קרבן אהרן לתו"כ) שם.

ערשט פון אַ ווייטערדיקן פסוק „וכי יהי׳ בקרחת או בגבחת נגע לבן אדמדם"[18].

און אויב רש״י לערנט אַזוי בפשטות הכתובים[19], וואָלט רש״י דאָס בכלל ניט געדאַרפט מפרש זיין בפסוק זה, וויבאַלד דער פסוק זאָגט עס ווייטער מפורש.

און מ׳קען ניט זאָגן אַז רש״י באַ־וואָרנט בתחלת הענין (אע״פ אַז דאָס שטייט ווייטער אין די פסוקים מפורש) כדי מ׳זאָל ניט אַ טעות האָבן אַז „טהור הוא" מיינט לגמרי, וואָרום רש״י זאָגט ניט דעם תוכן הכתוב (ד„כי יהי׳ בקרחת גו׳"): אין פסוק שטייט „וכי יהי׳ בקרחת או בגבחת נגע לבן אדמדם", דער מראה הנגע, אָבער רש״י זאָגט „אלא בסימני נגעי עור בשר בשער לבן ומחי׳ ופשיון".

איז דערפון מוכח, אַז לויט שיטת רש״י דאַרף מען ניט אָנקומען צו דעם ווייטערדיקן פסוק צו וויסן אַז „נדון . . בסימני נגעי עור בשר" — דאָס ווייס מען פון דעם פסוק גופא. און דער פסוק „כי יהי׳ בקרחת גו׳ נגע לבן אדמדם גו׳" קומט זאָגן די מראות נגעים בקרחת או בגבחת.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: אפילו מ׳זאָל געפינען אַ הסברה פאַרוואָס רש״י נויטיקט זיך אין דער הוספה „אלא בסימני נגעי עור בשר", פאַרוואָס דאַרף ער מוסיף ומפרט זיין דאָ וואָס עס זיינען די סימני נגעי עור בשר[20] דלכאורה: א) וואָס איז די נפק״מ אין דעם פסוק? אויב רש״י וויל זאָגן אַלע פרטים פון נגע בקרחת וגבחת איז מקומו אין פסוק „וכי יהי׳ גו׳"? ב) ובפרט אַז די סימני נגעי עור בשר שטייען דאָך פריער אין דער תורה מפורש[21].

ג. בנוגע די סימנים וואָס רש״י זאָגט „בשער לבן ומחי׳ ופשיון" — פרעגן מפרשים[22]: ס׳איז אַ משנה מפורשת[23] אַז קרחת וגבחת זיינען מטמא בלויז בב׳ סימנים, במחי׳ ובפשיון, אָבער ניט מיט דעם סימן פון שער לבן. און ווי ס׳איז אויך מפורש אין תורת כהנים אויפן פסוק[16] „צרעת פורחת היא": צרעת מלמד שהיא מטמאה במחי׳, פורחת מלמד שהיא מטמאה בפשיון, היא אינה מטמאה בשער לבן.

פון וואַנעט נעמט רש״י דעם חידוש אַז „כי ימרט ראשו" איז ער נידון אויך מיטן סימן פון שער לבן, היפך ההלכה?

---

18) ראה בפירוש דברי התו״כ בארוכה במדות אהרן שם ובשאר מפרשי התו״כ. ואכ״מ.

19) כפי׳ הגו״א כאן.

20) ובב׳ כת״י רש״י (שתח״י) ליתא ההמשך שבפרש״י. וכן הובא ברש״י בערלינער מכת״י ודפוס.

21) ודוחק לומר שרש״י כתבו בכדי להדגיש שקרחת וגבחת מטמאין גם בסימן דשער לבן — דלא כמשנה ותו״כ (כדלקמן בפנים סעיף ג) — כי רש״י מפרש פשש״מ, ואין ענינו לשלול פי׳ המשנה ותו״כ שע״ד ההלכה*.

22) משכיל לדוד כאן ונשאר בצ״ע. וכ״ה במנ״ח מצוה קסט סוס״ח. ועוד.

23) נגעים פ״ג מ״ו. פ״י מ״י. וראה מפרשים שם.

---

*) ואף שנת׳ במ״א (לקו״ש חי״ז ע׳ 159 ואילך) שזהו בנוגע לשאר חומשים, משא״כ בספר ויקרא (ובפרשיות אלו) כיון שרש״י מביא כו״כ פירושים והלכות מתו״כ וגם מציין להם, לפעמים מפרש רש״י פירוש לשלול פי׳ או הלכה שבתו״כ — ה״ז בנוגע לפירוש או ביאור שבתו״כ הנלמד מפשט הכתובים וכיו״ב (וכמו בפי׳ „תנוך" (שבלקו״ש שם), שמבואר בתו״כ (ע״פ הכתוב) מקומו המדויק). אבל פשיטא שאין רש״י (מביא או) שולל **כל** הדרשות וההלכות שבתו״כ בפרשיות אלו ובספר ויקרא, שאינם ע״פ פשוטו של מקרא. וכנראה בפועל. וכן בנדו״ד, שבתו״כ נתמעט שער לבן ממש״נ בכתוב „היא" (כדלקמן בפנים) — שאין רש״י צריך לשלול דרשה זו (שאינה כלל ע״ד הפשט).

אין דפוסים ישנים[24] וכת״י רש״י שטייט טאַקע ניט „בשער לבן״[25]. אָבער פון דעם וואָס מ׳געפינט עס יע בדפוסים הנפוצים און אַזוי איז געווען די גירסא לפני הרא״ם[26] און כמה מפרשי רש״י[27], איז מובן אַז די גירסא „בשער לבן״ „האָט אַן אָרט״ אין פירוש רש״י (פשוטו של מקרא).

דער רמב״ם אין ספר היד[28] ביי דעם דין זאָגט: הקרחת והגבחת מטמאות בב׳ סימנין במחי׳ ובפשיון כו׳ ולפי שאין בהן שיער אין השיער הלבן סימן טומאה בהן.

דערפון איז משמע לכאורה אַז דער רמב״ם נעמט ניט אָן די דרשה פון תורת כהנים אַז בשער לבן איז דאָ ניט מטמא מצד אַ לימוד, אַ מיעוט הכתוב, נאָר מצד הטעם „לפי שאין בהם שיער״, און ווי ער זאָגט מפורש אויך אין פירוש המשניות[29] „ולא יצוייר בכאן שיער לבן לפי שהקרחת וגבחת הוא מקום שאין בו שער״, ד.ה. וויבאַלד ס׳איז ניט קיין מקום שער, במילא קען דאָ ניט זיין קיין שער לבן.

ועפ״ז איז קשה ביותר צו זאָגן אַז ס׳איז אַ מחלוקת במציאות ולדעת רש״י קען באַ אַ קרחת וואַקסן שער ובמילא איז אויך שער לבן איינער פון די סימני טומאה.

אָבער פון דברי הכסף משנה[30] „וסובר רבינו שהתורה מיעטה מהטעם שכתב״, אַז דאָס איז דער טעם פון דרשת התו״כ „היא אינה מטמאה בשיער לבן״, איז משמע, אַז אויך לויטן רמב״ם איז שייך די מציאות פון שערות. וואָרום אויב ס׳איז ניטאָ די מציאות פון שערות — פאַרוואָס דאַרף עס די תורה ממעט זיין? און ווי דער ר״ש[31] איז מסביר דרשת התו״כ, „והא דלא קאמר איפכא שיטמא בשער לבן ולא במחי׳ משום דסתמייהו לא מגדלי שער ומיהו זימנין דיש בהן שער כסתם בני אדם שהם בעלי קרחה שיש במקומות ב׳ ושלשה שערות״.

דאַרף מען לפ״ז זאָגן[32], אַז דער פשט אין דברי הרמב״ם „ולפי שאין בהם שיער אין השיער הלבן סימן טומאה בהן״ איז: וויבאַלד אַז בכלל איז דאָרט קיין שער ניט פאַראַן, דעריבער, אפילו ווען עס וואַקסט יע דאָרט אַ שער לבן, איז דער שער לבן ניט קיין „סימן טומאה בהן״[33].

וצריך ביאור: אין וואָס באַשטייט דער חילוק צווישן דעת רש״י (להגירסא שלפנינו) — פשוטו של מקרא — אַז

---

24) בדפוס ראשון ודפוס שני.

25) כן הוא גם ברוב כת״י רש״י שתח״י. וכן הובא ברש״י בערלינער שאינו בכת״י ודפוסים מוגהים. ובכמה מקומות (תו״ת כאן. ועוד) שט״ס בפרש״י. וראה גם באר מים חיים (לאחי המהר״ל) לפרש״י, דמשמע דאינו גורסו. וכן מפורש בס׳ זכרון.

26) שהרי ברא״ם הובא זה, ולא רק בתחלתו בהעתקת לשון רש״י (שיתכן שזוהי הוספת המעתיקים, והרא״ם ציין רק מקום פירושו), כ״א גם בתוך פירושו (וכ״ה ברא״ם הנדפס עם פירוש הנחלת יעקב), ומ״מ לא העיר ע״ז.

27) במשכיל לדוד.

28) הל׳ טומאת צרעת פ״ה ה״ט.

29) נגעים פ״ג שם.

30) לרמב״ם שם.

31) למשנה נגעים פ״י שם.

32) ראה תוי״ט נגעים שם ד״ה מחי׳. משנה אחרונה שם.

33) ואולי זוהי גם כוונתו בפיה״מ „ולא יצויר בכאן שער לבן״ (ובתרגום קאפח: ולא יתכן כאן שער לבן), היינו לא שלא יצויר בכאן המציאות דשער לבן כ״א הסימן טומאה דשער לבן.

אע״פ אַז דאָס איז ניט קיין „מקום שער״ איז שער לבן (אויב, ביוצא מן הכלל וואַקסט ער דאָרט, איז ער) אַ סימן טומאה; און דעת הרמב״ם — ההלכה — אַז וויבאַלד ס׳איז ניט קיין מקום שער, איז „אין השיער הלבן סימן טומאה בהן״.

ד. וי״ל הביאור בכל זה:

רש״י איז מדייק אין די ווערטער וועלכע ער איז מעתיק פון פסוק „קרח הוא״. דלכאורה: אויב דער פסוק קומט בלויז זאָגן דעם דין אַז „איש כי ימרט ראשו גו׳ טהור הוא״ מטומאת נתקין — פאַרוואָס שטייט אויך „קרח הוא״?

בשלמא אויב מ׳לערנט אַז נגעי נתקים איז פירושם אַז עס זיינען אַרויסגענומען געוואָרן שערות הראש, איז פאַרשטאַנדיק וואָס דער פסוק זאָגט דאָ „קרח הוא״, ווייל דערמיט איז מוסבר דער חילוק צווישן „נתק״, וואָס איז אַ נגע, מיט דעם וואָס „ימרט ראשו״[34]:

בשעת אַז נשרו שערות באמצע הראש און עס זיינען דאָ שערות וואָס זיינען מקיף דעם מקום מכל צד, איז דאָס אַן ענין פון „חולי״ בהמקום, און דעריבער איז דאָס אַ „נגע״ — „נתק״; בשעת אָבער אַז דער גאַנצער שער פון איינעם פון די צדדי הראש איז נמרט, דעמאָלט איז „קרח הוא״ — דאָס איז דער טבע פון דעם אדם „כי בטבעי בני אדם רבים שיקרח להם מיעוט השער בצדדי הראש לאחור או לפנים ואין הנתוק בהם חולי אחר אלא הרי הוא כשאר הגוף״[35], און דעריבער „טהור הוא״.

לויט פירוש רש״י אָבער אַז ניט דאָס איז דער חילוק צווישן נתקים און „כי ימרט ראשו״, פאָדערט זיך ביאור פאַר־וואָס לייגט צו דער פסוק ומוסיף „קרח הוא (טהור הוא)״?

דעריבער לערנט רש״י אַז דער פסוק קומט לערנען ניט (נאָר) טהרה מטומאת נתקין, שאינו נידון בסימני ראש וזקן כו׳, נאָר (אויך ו)בעיקר אַז ער איז נידון בסימני נגעי עור בשר. כדלקמן.

ה. דער אונטערשייד צווישן די צוויי דיעות הנ״ל בנוגע נתקים איז אַ חילוק אין דעם עצם גדר פון נתק, צי נתק איז אויסגעטיילט פון נגע עור בשר בלויז בנוגע מקום הנגע, אָדער ס׳איז אַן אַנדער סוג נגע. ומצד דעם קומט אַרויס אַ נפק״מ לגבי קרחת וגבחת.

בתחלת פרשת נתקים[36] „ואיש או אשה כי יהי׳ בו נגע בראש או בזקן״ טייטשט רש״י „בא הכתוב לחלק בין נגע שבמקום שער לנגע שבמקום בשר שזה סימנו בשער לבן וזה סימנו בשער צהוב״.

דאָס הייסט: לדעת רש״י זיינען דאָס ניט קיין צוויי סוגים אין נגעים. נאָר ס׳איז דערזעלבער סוג, און דער חילוק ביניהם איז בלויז „במקום״, וואָס מצד דעם חילוק במקום ווערט אַ חילוק (אָבער נאָר) אין די סימני הטומאה פון דעם נגע, אַז „במקום בשר״ איז „סימנו בשער לבן״ און „במקום שער״ איז „סימנו בשער צהוב״. און דאָס וואָס ער ווערט אָנגערופן בשם אחר — „נתק״, איז ווי רש״י זאָגט „כך שמו של נגע שבמקום שער״, ס׳איז נאָר אַ שינוי השם.

34) ראה רמב״ן שם.

35) ל׳ הרמב״ן שם. וראה בהנסמן לקמן הערה 44.

36) יג, כט.

ועפ״ז איז מובן דער הכרח צו מפרש זיין אַז דער פסוק „קרח הוא טהור הוא" קומט זאָגן (ניט בלויז אַז „טהור מטומאת נתקין, שאינו נדון בסימני ראש וזקן", נאָר) אויך אַז „נדון . . בסימני נגעי עור בשר כו׳":

די ווערטער „קרח הוא" אין פסוק זיינען אַ פירוש וטעם אויף דעם וואָס „טהור הוא": „קרח הוא" איז מדגיש אַז דער מקום הראש וואו ס'איז דאָ די קרחת איז ניט קיין „מקום שער" (וואָס דערפאַר איז ניטאָ דאָרט נתקין, דער „נגע שבמקום שער")[37]; און היות אַז ס'איז ניט קיין „מקום שער", איז בדרך ממילא חל אויף דעם דער גדר פון „עור בשר", און אַ נגע במקום זה איז נידון „בסימני נגעי עור בשר".

ד.ה. רש״י זאָגט דאָ ניט קיין צוויי באַזונדערע דינים, איין דין אַז „טהור מטומאת נתקין, שאינו נדון בסימני ראש וזקן שהם מקום שער" און נאָך אַ דין אין וואָס ער איז יע נידון („בסימני נגעי עור בשר") — נאָר רש״י לערנט אַז דער פסוק זאָגט דאָ איין זאַך: „קרח הוא טהור הוא", וויבאַלד אַז „קרח הוא", ווערט דאָס אויס „מקום שער", ובמילא — „טהור מטומאת נתקין שאינו נידון בסימני ראש וזקן שהם מקום שער אלא בסימני נגעי עור בשר בשער לבן כו׳"[38].

[משא״כ ע״ד ההלכה, אַז „נתק" איז אַן אַנדער סוג אין נגעים (וואָס „נתק משם השער") — ד.ה. אַז מקום הבשר האָט איין סוג נגעים און ראש וזקן אַ צווייטער סוג נגעים — איז פון „קרח הוא" קען מען נאָר וויסן אַז בשעת „ימרט ראשו" איז ניטאָ דער דין „נתק"; און דערנאָך איז דער פסוק מחדש אַז ס'איז פאַראַן נאָך אַ סוג נגעים — קרחת וגבחת, וכנ״ל (ס״ב) פון תורת כהנים אַז „דבר הלמד מענינו . . כשהוא אומר וכי יהי' בקרחת או בגבחת נגע לבן אדמדם . . שאינו טהור מכל טומאה אלא מטומאת נתקים בלבד" ד.ה. אַז לולא דעם ווייטערדיקן פסוק האָט אַן אָרט צו זאָגן אַז בקרחת וגבחת איז כלל ניטאָ קיין דין נגע[39]].

ועפ״ז איז מובן וואָס רש״י איז ממשיך און זאָגט מפורש אויך די סימנים „בשער לבן ומחי' ופשיון": דערמיט איז ער מדגיש אַז דאָס וואָס נידון בסימני נגעי עור בשר איז ניט נאָר מצד הדין (אַז מען לערנט אָפּ פון אַ פסוק אַז „נדון . . בסימני נגעי עור בשר"), ס'איז אָבער אַן אַנדער סוג נגע — נאָר אַז דאָס איז איין זאַך: וויבאַלד עס פעלט אין דעם גדר פון „מקום שער", איז ממילא חל עליו די גדרים פון נגע במקום עור בשר.

ו. ע״פ כל הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם חילוק פון שיטת רש״י

37) להעיר מהגירסא בכמה כת״י רש״י (שתח״י): שאינו נדון בכלל ראש וזקן.

38) לפ״ז מה שהתורה הוצרכה להמשיך ולפרש בפ״ע „וכי יהי' בקרחת או בגבחת נגע לבן אדמדם גו׳", לפרט מראות הנגע בקרחת וגבחת — אולי יש לומר, כי במציאות מראה העור דקרחת וגבחת אינה בשווה ממש למראה עור בשר. ועצ״ע.

39) ועד״ז בתו״כ פרשתנו (הנ״ל בפנים ריש סעיף ג) צרעת מלמד שמטמא כו׳, היינו שלמדין מנגעי עור בשר שגם קרחת מטמא בסימנים אלו, אבל מצ״ע הי' למדין דהוי סוג נגע אחר. וכן מוכח להברייתא דר״י הנ״ל (פסקא ה) „דבר הלמד מענינו". וראה שם פסקא ג. וראה בכל הנ״ל במפרשי התו״כ שם.

און שיטת הרמב"ם — צי דאָס וואָס קרחת וגבחת זיינען ניט קיין מקום שער איז אַ טעם אַז שער לבן זאָל דאָרט ניט זיין קיין סימן טומאה:

לויט רש"י, איז „קרח הוא" (אַז ס'איז ניט קיין „מקום שער") בלויז שולל אַז עס איז ניט קיין „מקום שער" ווי ראש וזקן[37], אָבער עס איז ניט „ערגער" ווי שאר חלקי הגוף (עור הבשר). און דעריבער איז דאָס ניט קיין טעם אַז שער לבן זאָל ניט זיין קיין סימן טומאה — נאָר עס איז פונקט ווי שאר הגוף, וואָס איז ניט קיין „מקום שער" ווי ראש וזקן, און שער לבן איז דאָרט אַ סימן טומאה[40].

שיטת הרמב"ם אָבער איז — ווי ער פסק'נט אין הלכות טומאת צרעת[41] — אַז „נגעי הראש והזקן הוא שיפול השיער שבהן מעיקרו וישאר מקום השיער פנוי וזה הוא הנקרא נתק . . בין שהי' מראהו עמוק בין שלא הי' עמוק וכו'"[42]. ד.ה. אַז „נתק" („נגעי הראש והזקן") איז אַן אַנדער סוג נגע[43];

און דאָס וואָס קרחת וגבחת זיינען מטמאות בנגעים — איז ניט אַן ענין שבדרך ממילא (ווי לשיטת רש"י), אַז וויבאַלד ס'איז ניטאָ קיין שערות איז דאָס (בדרך ממילא) ווי עור הבשר — נאָר פריער דאַרף חל זיין אויף דעם אַ גדר פון „קרח הוא" אַז „אינה ראוי' לגדל שער"[44] (אָדער אַז פעולות האדם השירו שערו „אע"פ שראוי לגדל לאחר זמן הואיל ואבד כל שיער ראשו עתה הרי זה נקרא קרח או גבח"[44]), און דעמאָלט האָט מען אַ לימוד מיוחד אַז „הקרחת והגבחת מטמאות" ווי עור הבשר, ווי דער רמב"ם ברענגט[45] „שנאמר בהן כמראה צרעת עור בשר" (ניט ווי שיטת רש"י אַז מען ווייס דאָס פון די ווערטער „קרח הוא" גופא).

דאָס הייסט, אַז לדעת הרמב"ם איז קרחת וגבחת ניט דער זעלבער סוג נגע ווי נגעי עור הבשר[46].

און דאָס איז וואָס דער רמב"ם איז מסביר — „ולפי שאין בהן שיער אין השיער הלבן סימן טומאה": וויבאַלד אַז דער גדר פון קרחת וגבחת איז דאָס וואָס „אין בהן שיער" — ד.ה. ניט נאָר אַז ס'איז ניט קיין „מקום שער" ווי ראש וזקן (אָבער ס'איז פאַראַן שער ע"ד ווי עור הבשר שבשאר חלקי הגוף) — נאָר ס'איז איבערהויפט ניטאָ באַ זיי קיין שער, אפילו ניט ווי ס'איז דאָ בעור הבשר סתם (וואָס דערפאַר איז דאָס אַ באַזונדער „פרשה" אין נגעים, אַ באַזונדער סוג נגע),

איז במילא מובן, אַז דער סוג הטומאה וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם מקום

40) ועוד י"ל: שער לבן גם בעור הבשר אינו ענין שבא בטבע. וראה פרש"י פרשתנו יג, ג בסופו: ששער לבן סימן טומאה גזירת הכתוב הוא.

41) רפ"ח.

42) וכתבו בפרק בפ"ע לאחרי כל הפרטי דינים בדיני בהרת, וספק בהרת כו' (שבפרק ו־ז). וראה לקמן סעיף ז.

43) וכן מפורש בדבריו שם פט"ז ה"י בתחלתה. ולהעיר מצפע"נ הל' כלאים פ"י הל"א (כג, ד): לשיטת רבינו נתק ונגעיו אינו בגדר נגעים רק הוא דין.

44) לשון הרמב"ם שם פ"ה ה"ח. וראה כס"מ שם. תוי"ט נגעים פ"י מ"י ד"ה הקרחת.

45) שם ה"ט.

46) ראה כסף משנה לרמב"ם שם פ"ה ה"ח. ומ"ש בכס"מ רפ"ח שם „ולפי זה קרחת וגבחת ונתק אחד הוא" — כבר הקשה ע"ז בתוי"ט שם קרוב לסופו.

„שאין בהן שיער", איז ניט פאַרבונדן מיט „שער לבן" (אפילו ווען לפועל וואַקסן דאָרט אויס שערות).

בסגנון אחר: וויבאַלד „קרח הוא" איז שולל (ניט נאָר „מקום שער" ווי ראש וזקן, נאָר) שער בכלל, „אין בהן שיער" — דעריבער, ווען ביי אַ „קרח" וואַקסט שער, איז עס כאילו ווי דער שער לבן איז ניט שייך למקום זה; ובמילא זיינען די גדרים ודינים בשייכות צו „שער" ניט שייך ביי קרחת וגבחת.

ז. אע"פ אַז לדעת הרמב"ם איז (אויך) קרחת וגבחת אויסגעטיילט פון נגעי עור הבשר, שטעלט ער עס אָבער צוזאַמען מיט די אַנדערע נגעים פון עור הבשר (און אויך די מציאות און די סימני הנגע זיינען שווה, „שהראש או הזקן שנקרחו כעור הבשר לכל דבר אלא שאין מטמאין בשיער לבן"[47]).

וואו איז ער מדגיש אַז ס'איז אַן אַנדער סוג פון נגע? איז דאָס באַ נתקים, נגעי הראש והזקן. וואָס דאָס שרייבט דער רמב"ם בפרק בפני עצמו בסוף פון אַלע נגעי אדם[48].

ויש לומר די הסברה בזה, און דער ביאור אין דעם חילוק צווישן דעת רש"י ודעת הרמב"ם בזה ע"פ טעמי המצות:

בדברי רז"ל[49] ווערן גערעכנט כמה עבירות אויף וועלכע „נגעים באים".

כאָטש די עבירות זיינען די סיבה אויף אַלע סוגי נגעים, געפינט מען אין מפרשי התורה[50] אַז כמה פון די עבירות זיינען פאַרבונדן מיט אַן אַנדער סוג פון נגעים (די חילוקי מראות נגעים, פרטי הנגעים, נגע עור בשר שחין מכוה נתק וכו').

אין פירוש רש"י עה"ת[51] ברייננגט רש"י נאָר צוויי ענינים אויף וואָס נגעים באים, „הנגעים באין על לשון הרע"[52], „הנגעים באין על גסות הרוח".

וי"ל אַז דאָס זיינען די צוויי סוגים אין נגעים — נגעי עור בשר, און נגע במקום שער — נגעי הראש והזקן:

„לשון הרע" וואָס איז „מעשה פטפוטי דברים"[53], אַן ענין חיצוני באַ דעם מענטש, זיינען גורם נגעים בשאר חלקי הגוף בעור הבשר, וואָס איז אַ נידעריקע מדריגה אין מענטש; „גסות הרוח" וואָס קומט און איז פאַרבונדן מיט אַ פּני־מיות'דיקן „אָרט" אין מענטשן, רירט דאָס אָן במקום גבוה של האדם בראש[54] (או בזקן).

דער רמב"ם זאָגט[55] ווענן נגעים נאָר אַז דאָס קומט מצד לשון הרע, און איז מסביר דעם חטא דערפון אַז סו"ס ברייננגט דער חטא אין דיבור, „לדבר באלקים וכופרין בעיקר".

ועפ"ז יש לומר אַז דאָס איז דער חילוק לדעת הרמב"ם צווישן נגע עור

47) רמב"ם שם פ"ה הי"א.

48) וכן בסוף הל' טומאת צרעת שם מפרש רק ב' סוגי נגעים בנגעי אדם „שאין דומים זל"ז": שהרי לובן עור האדם קרוי צרעת ונפילת קצת שיער הראש או הזקן קרוי צרעת (וממשיך) ושינוי עין הבגדים או הבתים קרוי צרעת.

49) ערכין טז, א (על שבעה דברים). ויק"ר פי"ז, ג (על עשרה דברים). במדב"ר פ"ז, ה (על י"א דברים. ועד"ז בזח"ג רו, א). ובכ"מ.

50) ראה אלשיך וש"ך עה"ת פרשתנו. ועוד.

51) מצורע יד, ד.

52) וראה גם פרש"י פרשתנו יג, מו.

53) פרש"י מצורע שם.

54) וכ"ה באלשיך סוף פרשתנו (יג, כד. מ) דצרעת הראש (נתק) היא על גסות הרוח.

55) סוף הל' טומאת צרעת.

בשר בכלל מיט נגעי הראש והזקן — נתק: כ״ז דער חטא האדם איז נאָר „שיחת הרשעים שהוא הליצנות ולשון הרע״[56], זיינען די נגעים פאַרבונדן מיט דעם עור הבשר שבגוף, בשעת אָבער דאָס בריינגט אים צו „לדבר באלקים וכופרין בעיקר״, אַן ענין פאַרבונדן מיט דעות, דעמאָלט קומען נגעים בראש (וזקנו) — נתק.

ח. ועפ״ז יש לבאר דעם חילוק צווישן דעת רש״י והרמב״ם: לדעת רש״י — איז נגעים באים על לשון הרע וגסות הרוח, כאָטש דאָס זיינען צוויי זאַכן, זיינען זיי אָבער אין דעם זעלבן סוג — אַ חטא וואָס איז (בעיקר) כלפי חבירו, דעריבער לערנט רש״י אַז נגעי הראש והזקן — נתקים, זיינען ניט קיין אַנדער סוג נאָר „כך שמו של נגע שבמקום שער״.

לדעת הרמב״ם אָבער אַז די נגעי הראש זיינען פאַרבונדן מיט כפירה בעיקר, איז דאָך דאָס לגמרי אַן אַנדער סוג ווי נגעים שבעור בשר וואָס קומען אויף לשון הרע.

56) רמב״ם שם.

דעריבער טיילט דער רמב״ם אויס נגעי הראש אַלס אַ באַזונדער סוג נגע, און בפרק בפ״ע לבסוף אַלע נגעי אדם, וואָרום דאָס איז (במדה מסוימת) אויס־געטיילט בחומריותו, פון אַנדערע נגעים שבעור הבשר.

און דורך דעם לימוד בפרשת נגעים אין תושב״כ ותורה שבע״פ איז דאָס גופא מעורר אויף דער זהירות פון די עבירות אויף וועלכע נגעים באים, זהירות בתכלית, ביז צו בריינגען דעם טאָן היפך דהנ״ל — כסיום הרמב״ם אין לימוד הלכות אלו: בריינגען „שיחת כשרי ישראל״[57] וואָס „אינה[58] אלא בדברי תורה וחכמה לפיכך הקב״ה עוזר על ידן ומזכה אותן בה שנאמר[59] אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו ויקשב ה׳ וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה׳ ולחושבי שמו״.

(משיחת ש״פ תזריע תשד״מ)

57) ל׳ הרמב״ם שם בסופו.

58) להעיר מעירובין נד, ב.

59) מלאכי ג, טז. — וראה שם שבא בהיפך מהאומרים „שוא עבוד אלקים גו׳״ ד„אז נדברו יראי הוי׳ גו׳״ ועד״ז באבות פ״ג מ״ב. — ובזח״ב (ריז, א): מלין דאורייתא כו׳ חכמה דשמי׳.